אין נאנצען אזא גולם, ער זאל גארניט פרעגען ביי זיי — היתכן? ערשט צוריק מיט עטליכע מאנאטען האט איר גערעדט אן אנרער שפראך — און א מיאוסע, ניט ערליכע שפראך. אבער, זארג ניט, זיי וועלען שוין געפינען א תירוץ. נו, און די „דזשואיש פיפעלס סאמיטע" געדענסטו דאך געוויס ווי ראדיקאל זי איז געוועזן. איצט, איז דער גאנצער ראדיקאליזם ארויס דורכ'ן קוימען — שטענדיג פויקט זיך — מ'דופט נאר צו „אחדות„ פאר כלל־ישראל אינטע־רעסען. זי איז געווארען די מוסר־זאגערין אויף דער אידישער גאס; כאטש טו איר אן א שטריימעל און זי וועט טאנצען א מצוה־טענצעל.

* * *

זעסטו, ביי אונזערע ארטאדאקסישע אידען (ניט ביי אלע), איז „עולם כמנהגו נוהג". די זעלבע מחלוקת'ן, די זעלבע קריגערייען, די זעלבע שנאת חנם — מ'לעבט אין זכות פון דעם וואס מ'זידעלט אפ א צווייטען. מיט דעם האט מען שוין יוצא געווען פאר מענ־טשען און פאר דעם „רבונו־של־עולם" אוודאי. דעם „אל תדין את הברך" האט מען אין גאנצען פארגעסען. מ'האט אפילו פאר־געסען דעם „המלבין פני חברו ברבים" — דעם „כל מה דסניא לך להברך לא תעביד", פון דעם איז שוין אפגערעדט אז מ'האט פארגעסען. זיי לוינט זיך ניט צו געדענקען.

אחדות — פאראייניגונג — איז א גוטע זאך, אבער דו דארפסט זיך פאראייניגען מיט מיר; טון ווי איך וועל דיר זאגען — דאס איז די נייע אויסטייטשונג פון „אחדות", צום באדויערען, בא א גרויסען טייל געווארען. און אז מ'גיט א רעד מיט זיי וועגען „חינוך" — אידישע ערציאונג — אז מ'ווייזט זיי אויף אז די קלענסטע צאל קינדער, וועלכע קריגען א אידישע ערציאונג, זיינען די קינדער פון ארטאדאקסישע עלטערען; ווען מ'פרעגט זיי, צי וואלט ניט געווען יושר'דיק אנצופירען א סיסטעמאטישען קאמ־פיין צווישען די עלטערען, צו דערקלערען זיי אויף א אידישען אינטעליגענטען וועג, דעם פארברעכען וואס זיי באגייען געגען זייערע קינדער מיט דעם וואס זיי געבען זיי ניט קיין אידישע דער־ציאונג? נו, האבען זיי א תירוץ, אז זיי האלטען א האלבע דרשה ימים נוראים, און מ'לאזט אמאל ארויס א צירקולאר צו די על־טערען וועגען דעם — און דערמיט האט מען שוין אפגעטאן דעם הוב. סטייטש, ווארום אין די טעמפלען ווערט גרעסער די צאל קינדער פון יאר צו יאר? נו, האבען זיי אויף דעם אויך א תירוץ: אז דארט ארבעט דער „יצר־הרע", און ביי זיי דער „יצר־טוב" (און דער „יצר־טוב" איז תמיד דער שוואכער). אז־אך און ווייי צו אזא יצר־טוב. און אפשר זיינען זיי גערעכט, צו די „ועד הכשרות" ביזנעס שאדט דאס ניט, נו, וואס זשע איז דא אזוי זיך צו ערגערען? נאך מער, צו פרנסה שאדט דאס חלילה ניט. מילא, השם יתברך וועט העלפען. (און די וועלכע שטימען ניט איין פארשרייט מען, אלס ניט גענוג „פרום", האטש זיי טוען גוטע ארבעט).

* * *

ביי אונזערע טעמפלען און מענ'ס קלובען איז אלץ „פאסטא־רעמו". מ'האט זיך מיטינגען, אמאל א אינטערעסאנטען רעדנער. פארגלוסט זיך דעם ראביי א גרעסערער עולם פרייטאג־צו־נאכט צו קבלת שבת, מוז מען ברייננען א „סטאר" — מ'מוז „סקימען", גלאט אזוי קומט דער עולם ניט. ווילסט מיך אין טעמפעל, זאגט ער, ברענג מיר אן „אטרעקשאן". און ווי שטענדיג, אין דעם נעמט דעם „ליד" טעמפעל עמנואל. ראביי גאלדמאן קען שוין זיינע „צאן קדשים", ער ברייננגט זיי אין טעמפעל אריין. דער־פאר האט ראביי בראודי, פון טעמפעל בית־אל, א רעכט צו זאגען, אז די ווערטער, „שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו", זיינען אין נייסטינגען לעבען אויך א אמת, די „צואה" פון איינעם פון זיינע מעמבערס, וועלכער איז געוועזן דער טיפ אסימילאטאר, וועלכער האט קיינמאל ניט געהאט צו טאן מיט אידישע אקטיוויטעטען, האט, אונטער זיין איינפלוס, איבערגעלאזט דעם גרעסטען טייל פון זיין פארמעגען פאר א אידישען דערצי־אונס אנשטאלט, צו טעמפעל בית אל, וועלכער זאל זיך געפינען אונטער ראביי בראודער'ס השגחה, דאס איז א גרויסער מאראלער ער פאלג, וועלכעס קען האבען א גרויסע ווירקונג אויף א סך אנ־דערע ביי אונז אין שטאט.

דער דריטער טעמפעל איז אין גלות שוין עטליכע מאנאטען. דער „שר של אש" האט דאס ארויסגעטריבען, און ס'ריכט אפ גלות — און דער ראביי מיט דעם (ס'איז אפילו א סברא, אז דער ראביי איז שוין לאנג אין גלות), אבער דער רבונו־של־עולם ווערט ניט פארנאכלעסיגט אין גאנצען. מען „סקימעוועט", מ'ברייננגט "אטרעקשאנס", שלעפט זיך צענויף אביסעל מענטשען — (אן „אטרעקשאנס" איז גאר שלעכט מיט זיי), ס'איז דער ריכטיקער „עם חכם וגבון", וועלכער לאזט זיך ניט אזוי גרינג פארנארען — און קומען גלאט אזוי אמאל אפדאווענען, אוודאי און אוודאי ניט.

* * *

דער קאמיוניטי סענטער אונזערער האלט זיך ביי זיין אלטער „פאליסי" — קאמפיינעוועט אלע יאר פאר נייע מעמבערס — און וואס א יאר, קריגט מען וועניקער. צו די „לעקטשורס" קומט שטענדיג כמעט דער זעלבער עולם. וויל מען אביסעל מער מענ־טשען, נוצט מען דעם אלטען „סקים" — מ'שיקט ארויס עטליכע הונדערט „געסט־טיקעטס" — און צום צווייטען לעקטשור בלייבט ווי געוועזן. און, ווי שטענדיג, גיט מען „עמך" איינמאל דורך דעם יאר א „טריט" — מ'ברייננגט א אידישען ארטיסט — און אמאל גאנצע צוויי — און „עמך" קומט, קלאפט בראווע, און ווארט ווי־דער א גאנץ יאר. א גוט שטיקעל ארבעט טוט ער יא — און דאס איז די יונגענד־קלובען וואס ער האט. און איצט, ווען זיי האבען געעפענט אביסעל ברייטער די טירען פון דעם סענטער פאר ארגא־ניזאציעס, זיי זאלען דארט קענען האבען צייטענווייז א עפענט־ליכען מיטינג. ס'איז שוין דארט דא אפילו א אידישע „פאן", אבער דער „גייסט" איז נאך אלץ דער זעלבער. ס'ווייזט אויס, אז כ'איז אמת דער אלטער כלל, אז א „דיבוק" טרייבט מען אזוי גיך ניט ארויס. ס'העלפט אמאל אפילו ניט קיין שופר בלאזען. אבער, ווי ס'ווייזט אויס, איז נאך א פאר יאר אקטיוויטעטען פון די מענ'ס קלובען מיט די כל המינים „סיסטערהודן", מיט זייערע לעקטשור און קולטור פראגראמען, וועט סוף כל סוף דאך עפעס אויפטאן און האבען א ווירקונג — און די פראגראם פון אלס „פאסטארעמו", וועט מוזען געענדערט ווערען. דערוויל מוז מען זאגען — און מ'דארף זאגען — „גם זו לטובה".

* * *

זאל זיין גענוג פאר היינט, מיין ליבער פריינט, אזוי גיך ווי די „טריניטי — היטלער־מוסאליני־יאפאן" — וועלען כאפען די ריכטיקע מפלה, זאג איך דיר צו שרייבען דעם ריכטיקען בריוו.

דיין פריינט,

ב. אלטער

„חבל — חבל"

IN LOVING MEMORY

*of*

**Henry Burt**

*A FRIEND WHO CANNOT BE FORGOTTEN*

(God alone knows how I miss him)

*A Worker — No One Can Take His Place*

ALTER BOYMAN,
Chairman National Labor
Committee for Palestine

# --- א בריוו צו א פריינט ---

ליבער פריינט:

דעם אמת זאגענדיג, איז שווער — זייער שווער — צו שרייבען בריוועלעך אין א צייט ווען די שטימונג איז אזא געדריקטע; ווען דאס הארץ איז צעווייטאגט פון די בלוטיגע שלאכטען וואס קומען פאר אויף דער יבשה, אויפ׳ן ים, און אפילו די לופט איז געווארען א שלאכט־פעלד, וואו בלוט גיסט זיך, היינטיקע צייטען. אבער דוקא צוליב דעם זיינען דיינע פראגען געווארען נאך וויכטיקער, און דו האסט באמת א רעכט צו פאדערען א ענטפער — כאטש איך בין זיכער, אז מיין ענטפער וועט דיך ניט צופרידען שטעלען. דו וועסט מאכען גוואלדען, דו וועסט שרייען (און מיט רעכט) — סטייטש, היתכן, יושר? א. ז. וו. — אבער וואס קען איך זיך העלפען, איך גיב דיר נאר איבער פאקטען, ווי אזוי זיי זיינען געווען דורכ׳ן יאר, און נאך מער — ווי זיי זיינען אפילו היינט צו טאג.

פון דיינע אלע פראגען האב איך ארויסגענומען איניקע וועלכע, לויט איך זעה, אינטערעסירען זיי דיך מער פון אלע אנדערע. וועל איך דיר צום ערשטען ענטפערען אויף אט די פראגען, און דערנאך, אז דער רבונו של עולם וועט געבען כח און צייט, וועלען מיר זעהן ווייטער.

*   *   *

דו ווילסט וויסען, צי די מלחמה האט עפעס געווירקט אויף אונזערע מ׳שטיינס געזאגט, קהל׳שע פארזארגער מכל המינים, און צי די אלע מחלוקות׳ן, קריגערייען, שנאת חנם, האט זיך אפגעשטעלט? דו ווילט אויך וויסען, צי ס׳איז געשאפען געווארען דער „אהדות", וואס איז שטענדיק וויכטיק אין שטאט אויב זו וויל פראגרעסירען, און בפרט אין א עת־צרה, א עת־סכנה, אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט — ווען דער אנטיסעמיטיזם לויערט אויף אונז און וויל אונז מאכען פאר דעם „שעיר לעזאזל" אין דעם גרויסען וועלט אומגליק.

דו ביזט אויך פאראינטערעסירט צו וויסען, צי האט זיך דער „חינוך" (די אידישע דערציאונג) פארבעסערט ביי אונז אין שטאט, און צי איז עפעס געטון געווארען וועגען דעם ממשות׳דיגעס? און, ווי שטענדיג, אינטערעסירט דיך די פרויען וועלט — דו ווילסט וויסען, צי פראגרעסירען זיי אין זייער ארבעט? צי איז די וויכטיקע אקטיווע ארבעט, וואס זיי האבען געטאן, חלילה ניט ארויס פון „סטייל"?

דעם אמת זאגענדיג, איז וועגען יעדער איינער פון אט די פראגען קען מען שרייבען און שרייבען . . . אבער איך וועל זיך נוהג זיין ווי שטענדיג, און דיר ענטפערען בקיצור, ווייל איך האלט פון דעם „די לחכימא ברמיזא". איך וועל דאס מאל אויך אנהויבען פון דער ליכטיקער און פרייליכער זייט — פון דער פרויען וועלט — ווייל ס׳איז דארט פאראנען מער ערנסטקייט, שענערע באציאונגען צו אלעמען און צו אלעם וואס איז כדאי צו וויסען און צו לערנען, — און מער אקטיוויטעט.

*   *   *

דאס ערשטע איז כדאי צו פארצייכענען די וויכטיקע ארבעט וואס זיי טוען פאר דעם „רעד קראס". ס׳איז באמת צו באוואונדערען ווי פרויען פון אלע שיכטען האבען זיך ארייינגעווארפען אין דער ארבעט. עס איז פאר זיי קיין ארבעט ניט צו שווער: זיי לערנען זיך, זיי נעמען קורסען, זיי גרייטען זיך צו זיין פעהיג צו העלפען אין א עת סכנה אויף אלע געביטען — און, צו זייער קרעדיט, זאל דא געזאגט ווערען, אז זיי האבען אויך ניט אפגעשטעלט זייער קולטור ארבעט, וועלכע איז שוין געווארען ביי זיי א טראדיציע. טעמפעל עמנואל סיסטערהוד פידט דורך א סעריע לעקציעס אויף אינטערעסאנטע טעמעס פונקט ווי אלע יאר. די אנדערע „סיסטערהודס" זיינען שוין ארויס פון דער "עקספערימענט פעריאדע" און האבען זיך שוין געשאפען א שעהנע קולטורעלע פראגראמע, מיט העברעאיש, תנך, היסטאריע, און מ׳האט נאך צוגעגעבען דאס יאר א קורס אין „אידיש", אין וועלכען א סך יונגע אמעריקאנער־געבוירענע פרויען האבען זיך פאראינטערעסירט. ממש משיח׳ס צייטען.

די פרויען פיאנערן האבען דאס יאר געארבעט שווערער ווי אלע יאר. און, ווי שטענדיג, פירען זיי דורך אינטערעסאנטע מיטינגען מיט רעדנער מכל המינים, און אויף אלערליי טעמעס. זיי האבען געהאט איניקע עפענטליכע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען געגען ערפאלגרייך, סיי מאראליש ווי אויך פינאנציעל. זיי מעגען מיט רעכט זאגען, הלואי ווייטער ניט ערגער; בעסער האט קיין שיעור.

*   *   *

די ארבעטער רינג פרויען מעגען מיט רעכט זאגען, אז ווען ניט זיי וואלט שוין די שולע געווען א „ברוך דין אמת". זיי טוען מער ווי זייער חלק אין דער ארבעט; און ווי א צוגאב צו דעם, נעמען זיי אויך אן אנטייל אין אלע אנדערע ארבעטען, אויף וועלכע זיי געבען אוועק א סך צייט, וואס איז זייער נויטיק.

*   *   *

ביי אונזערע ארטאדאקסישע פרויען איז אויך לעבעדיק. זיי שווייגען חלילה אויך ניט (הלואי אויף די מענער געזאגט געווארען). לעצטענס איז צוגעקומען ביי זיי נאך א „סיסטערהוד" (שוין ניטא ביי זיי אויך קיין אקזילעריס), וועלכע פארשפרעכט א סך גוטע ארבעט. ווי ס׳ווייזט זיך, איז די ארבעט וואס איז געטאן געווארען ביי דער ערשטער „סיסטערהוד", האט געווירקט — די ארטאדאקסישע פרויען הייבען זיך אן צוגעוואוינען צו האבען רעדנער ביי די מיטינגען, מיט „בוק־רעוויוס"; און דער איינפיר פון „עונג־שבת" דארף געוויס זיי געפעלען. שווער איז נאר געווען איינצוברעכען דאס אייז, אבער ווען ס׳ווערט געטאן אויף א אינטעליגענטען וועג, מוז דאס ברענגען דערפאלג. ס׳איז א סברה, אז די „פאראקיעל סקוהל" האט אויך א סך צו פארדאנקען די פרויען, וועלכע העלפען איר אין איר עקזיסטענץ — האטש די מענער זיינען פאר׳עקשנ׳ט און ווילען דאס נאך ניט צוגעבען.

דאס יא, געליטען שטארק האבען דאס יאר דער „מא־דזשאונג" מיט די „ברידזשעס". איניקע ווילען זיך נאך ניט אונטערגעבען, — מ׳שפילט בדאי ביינאכט — איניקע „קלוב׳ווען" נאך מיט „גוד־טיימס", אבער מ׳רעדט שוין וועגען דעם אין דער שטיל; מען גוואלדעוועט שוין ניט מער, ווי אין די אלטע צייטען, ווען ס׳איז געווען, מ׳שטיינס געזאגט, דער סימן פון „אפ־טו־דעיט".

*   *   *

ביי אונזערע ציוניסטען שאפט זיך אויך „טראדיציע" — דער איינפיר פון אינטערעסאנטע רעדנער אויף אינטערעסאנטע טעמעס, אלע מאנאט, ווערט פארגעזעצט מיט ערפאלג. ווי זאגט דאס וועלט־ווערטעל — „וואלט מען נאר דעם רבי׳ן געפאלגט, וואלט גאר גוט געווען", ווייל נאך אלעמען, האבען מיר זייער ווייניג מנהיגים, וועלכע זאלען זיין תלמידי חכמים צו דער זעלבער צייט. עס זאל זיך נאך שאפען א „מקום מנוחה" (א ציוניסטישער צענטער), מ׳זאל ניט דארפען וואנדערען, וואלט געווען מה טוב.

*   *   *

ביי אונזערע ראדיקאלען, מעג מען זאגען, איז שא־שטיל. און דאס איז ניט חלילה פון צופיל „גוטקייט", נאר פראסט פשוט — מ׳איז געבליבען אן א שטאך ארבעט. ס׳איז אמאל געווען אן ארבעט — „סאציאליזם" — איז געקומען פרעזידענט רוזוועלט און האט דאס אויסגעכאפט. אמת, אונטער אן אנדער נאמען, „ניו־דיעל", דופט ער דאס; אבער ס׳איז פארט 90 פראצענט סאציאליזם. און שעלטען רוסלאנד פאסט איצט ניט (ווען זיי מאכען אזא נוטען דזשאב מיט היטלער׳ן), איז מען צייטענווייז א קאפיטשקעלע נעגען די ציוניסטען, און מען „סעלעברייט" יובילעאומס (אלטע געוואוינהייטען), און „דאטס־אל".

*   *   *

ביי אונזערע קאמוניסטען, זעסטו, איז מען יא „ביזי". דו געדענקסט די צייט, ווען זיי פלעגען מרעיש עולם זיין — ארומגעהן גוואלדעווען און שעלטען פרעזידענט רוזוועלט, שיקען בריוו, צירקולארען — וואס האבען זיי ניט אויסגעטראכט אויף אים — מיט וואס פאר א זידעל־נעמען האבען זיי אים ניט גערופען? — אלערליי בלבולים אויסגעטראכט אויף אים. איצט האבען זיי איבערגעקערט דעם „פעלץ" — מ׳שרייט, מ׳גוואלדעוועט, מ׳שיקט בריוו, מ׳שיקט פעטיציעס אונטערצושרייבען, אז פרעזידענט רוזוועלט איז דער גרעסטער פרעזידענט וואס די „יונייטעד סטייטס" האט ווען געהאט — גרעסער אפילו פון וואשינגטאנ׳ען און לינקאלן — מ׳דארף אים שטיצען מ׳דארף אים פאלגען, מ׳דארף גאט בעטען פאר אים אלע טאג. איך ווייס, דו וועסט פרעגען — ווי אזוי שעמען זיי זיך ניט? **נאך אלעמען, איז דאך דער עולם ניט**

געלערנט — און דער עיקר, וואס עס מיינט „הילף אין צייט", מיט דער קלענסטער מאס פון „רעד־טעיפ". זיי וואלטען געלערנט, אז דער „גמילת־חסד אף פראווידענס" האט ארויסגעגעבען 375 הלוואות לעצטען יאר, פון וועלכע 250 זיינען געווען פון 200 ביז 350 דאלער, וואס האט געראטעוועט א סך פאמיליעס, זיי זאלען נאך מער, רעד קאפיטאל פון דעם גמילת־חסד איז פארגרעסערט געווארען אויף מער ווי צוויי טויזענט דאלער. נאך מער, דער קאפיטאל פון דעם גמילת־חסד איז פארגרעסערט געווארען אויף מער ווי צוויי טויזענט דאלער.

* * *

דער „סאוט פראווידענסער גמילת־חסד" האט באוויזען, אז מיט דעם קליינעם קאפיטאל וואס זיי האבען, האבען זיי געמעגעדזשט ארויסצוגעבען הלוואות אויף מער ווי 50 טויזענט דאלער, צו מענטשען, פאר וועלכע די בענק זיינען פארמאכט צו קענען דארט קריגען אן הלוואה, — און דאס וואלט זיי געמאכט אנצוקומען צו די באוואוסטע „שארקס", ביי וועלכע מ'ווערט א „עבד־כנעני" אויף שטענדיג, ווייל דער פראצענט איז אזוי גרויס אז מ'צאלט זיך קיינמאל ניט אויס.

## דער פרויען גמילת־חסד

א פרויען אינסטיטוציע, וועלכע ווערט גרעסער פון טאג צו טאג, און גיט ארויס קלענערע הלוואות צו מענטשען וואס נויטיקען זיך אין 10-15-25 דאלער, ביז פופציג — און קענען ניט, צוליב פארשידענע אורזאכען, אנקומען צו אנדערע גמילת חסדים'ס. א וויכטיקע ארבעט, וואס ווערט אנגעפירט אויף א ווירדיגען וועג, און פארדינט די אונטערשטיצונג וואס זי קריגט; ווייל זי דערפילט איר אויפגאבע אויף א שיינעם וועג.

## דער מרים־האספיטאל

סוף כל סוף, ווייזט אויס, האבען אונזערע פירער מכל המינים געלערנט, אז דער האספיטאל מוז, און דארף פארגרעסערט ווערען — און וואס שנעלער אלץ בעסער — ווייל ס'איז שוין א פאקט, אז מיט דער ארבעט פון דעם „מרים האספיטאל" רעכענט מען זיך איצט אין די מעדיצינישע קרייזען ביי אונז אין שטאט, און אויך אין סטייט. דער האספיטאל גיט צו כבוד דער אידישער באפעלקערונג, מיט זיין דערפילען דעם צוזאג פון זיין א „נאן־סעקטעריען". ער שאפט מער „גוד־וויל" צווישען איד און ניט־איד ווי אלע אפיציעלע „גוד־וויל" ארגאניזאציעס, ווייל ער גיט ממשות'דיקע הילף ניט קיין „ליפ־סוירוויס". עס ווילט זיך האפען, אז ווען די צייט וועט קומען — און ווי עס ווייזט אויס, איז די צייט ניט ווייט — וועט די אידישע באפעלקערונג טאן איר חוב צום האספיטאל, ווי צו אלע אנדערע אידישע אינסטיטוציעס.

## די קינדער־היים

מיט רעכט קענען זאגען די פירער פון דער „קינדער־היים", אז זיי שליסען א וואונדערבאר שעהן קאפיטעל פון ארבעט ביי אונז אין שטאט, וואס האט געדויערט ארום 35 יאר. נאך מער, זיי טוען א גוטע זאך מיט דעם גרינדען פון א „קינדער־פאנדיישאן", וועלכער וועט העלפען טאלאנטירטע קינדער פארצוזעצען זייער שטודיום. זיי טוען אויך א גוטע זאך מיט פארזעצען דעם קינדער־קעמפ; און ספעציעל, מיט'ן עפענען פון דעם קעמפ פאר אלע קינדער פון אונזער שטאט וועלכע נויטיקען זיך אין א וואקיישאן, און האבען ניט געהאט וואוהין צו געהן. ס'איז געווען א שעהנע „התחלה", און ס'איז א בכבוד'יקער „סיום".

## הכנסת־אורחים

די ארבעט און די מצוה פון „הכנסת אורחים", איז שטענדיג אפגעהיט געווארען פון אחינו בני ישראל איבער דער גאנצער וועלט. דערפאר איז עס א נחת־רוח זיך צוקוקען ווי אזוי די ארבעט ווערט פארגעזעצט ביי אונז פון ביידע „הכנסת־אורחים'ס". און, ווי מ'זאגט, פעלען אורחים היינטיקע צייטען ניט אויס, און ווען זיי קומען, ווערען זיי דארט אויפגענומען ווי אייגענע — מען גיט זיי אלץ וואס איז מעגליך און נויטיק פאר א מענטשען, כדי ער זאל זיך פילען באקוועמער לפחות דעם טאג צי צוויי, וואס ער געפינט זיך ביי אונז, און ער זאל ניט דארפען זיך ארומשלעפען איבער די הייזער צו זוכען א מאלצייט און א פלאץ אויף איבערצונעכטיקען. א וויכטיקע ארבעט, וואס פארדינט געשטיצט צו ווערען.

## דער חסד־של־אמת

איך ווייס, אז ס'קען זיין, אז איניקע וועלען פרעגען — ווי קומט דער „חסד של אמת" ארייגגערעכענט צו ווערען אין צעטעל פון הילף־אינסטיטוציעס? אבער, ווען מ'לייענט דורך דעם לעצטען יאריקען באריכט, וועלכער ווייזט אז עטליכע און דרייסיג הונדערט דאלער איז צעטיילט געווארען צו וויכטיקע אינסטיטוציעס און קאמפיינס — לאקאלע און נאציאנאלע — צום ביישפיל, די פינף הונדערט דאלער וואס ער האט געגעבען פאר דעם „יונייטעד דזשואיש אפיעל", די 1320 דאלער פאר די תלמוד תורות, די דאנעישאנס פאר דעם מושב־זקנים, קאמיוניטי פאנד, „האיאס", הכנסת אורחים'ס, מעות־חטים, גמילת חסדים'ס, א. א. וו., ווייזט עס ווי בארעכטיקט דער „חסד־של־אמת" איז — צי מ'וויל, צי איינער זאל ניט — פאררעכענט צו ווערען צווישען אונזערע פילאנטראפישע און הילפס אינסטיטוציעס. בפרט ווען אייגענע ארבעט ווערט אויך ניט פארנאכלעסיגט, פארדינען די באאמטע אודאי א יישר כח.

---

## די אידישע בעקער יוניאן

---

די גערעכטע פאדערונג, וואס די אידישע בעקער יוניאן שטעלט ארויס צו דים אידשען פובליקום, און דאס איז — אז מ'זאל קויפען ברויט מיט א יוניאן לייבעל — איז באמת א פארדינטע. ווייל דער סיסטעם, וואס זיי האבען איינגעפירט ביי זיך אין דער יוניאן, אז ווען ארבעטער גייען ארום לעדיג מוזען די וועלכע האבען יא „דזשאבס" אראפגעבען א טאג ארבעט צו די וואס האבען ניט קיין „דזשאב", איז ווערט צו באגריסט ווערען פון יעדען רעכטדענקענדען, פראגרעסיווען מענטשען בא אונז אין שטאט. און זיי האבען דערפאר א מאראלע רעכט צו פאדערן — ניט בעטען — אז מ'זאל קויפען ברויט מיט א יוניאן לייבעל, וועלכעס איז דער צייכען פון מער מענטשליכער באהאנדלונג. נאך מער, די וואס זיינען באקאנט מיט רער ווארימער מענטשליכער אפרופונג, מיט וועלכער זיי רופען זיך אפ אויף אלערליי אפיעלס וואס ווערען געמאכט, קיין אונטערשייד צי דאס איז דער „יונייטעד דזשואיש אפעל", „ארט", „היאס", געווערקשאפטען קאמפיין, ווי אויך פאר לאקאלע אינסטיטוציעס — קען מען מיט רעכט זאגען, אז זיי פאדערען חלילה גארניט פאר זיך, אין פארגלייך מיט רעם וואס זיי טוען פאר אנדערע.

יא, זייער פאדערונג — צו קויפען ברויט מיט'ן יוניאן לייבעל, איז א גערעכטע פאדערונג; און איך וויל האפען, אז יעדער רעכטדענקענדער מענטש וועט ענטפערען זייער רוף.

— אלטער בוימאן

---

*COMPLIMENTS OF*

**GLORIA SHPRECHER**

GAspee 3347

---

*COMPLIMENTS OF*

**LENORE AVIS RESNICK**

A Future Member of the Pioneer Women

## געדענקט אויך די „פאטריא", געדענקט אויך די „סטרומא"!

פון **שלמה לייטמאן**

פון אונטער דעם נאצי מעסער,
פון דעם גיהנום וואס איז
פארשלאסען אויף טויזענטער שלעסער,
האבן זיך ארויסגעריסן דורך א וואונדער,
א גרופע מענער, פרויען און קינדער.

זיבן הונדערט און פופציג נפשות,
פון שרעק און נויט דערשלאגען,
האבען זיך אין דער אלטער „סטרומא"
איבער ווייטע ימים געטראגען.

געוואלט דערגרייכען זייער לאנד,
און ניט געוואוסט אז א שווערע האנט,
די האנט וואס האלט די טויערען פארמאכט,
ווארט אויף זיי אין דער פינסטערער נאכט.

צוריקגעשטויסען האט די האנט זיי בייז
צוריק אין טיפען שווארצען ים,
וואו עס האט געווארט אויף זיי דער טויט
אין די טיפענישען פון דעם תהום.

טראגען זיך איצט איבער די כוואליעס,
שיף־ברוך פון דער „שטרומא", אויף שטיקער צעריסען,
און טויטע גופים פון אלט און יונג,
פאר די ים פיש א געשמאקער ביסען.
און זייערע ריינע נשמות,
צוזאמען מיט די „פאטריא" קרבנות,

שווימען איבערן ים פלאך, ווילן זיך ניט שיידן,
און מאנען שטילערהייט אן ענטפער אויף זייערע ליידן.
מאנען און פרעגען די אלטע פראגע: פארוואס?
פארוואס קומט דאס אונז, פארוואס?

און ווען עס פאלט צו די נאכט,
און דער ים איז אין חלומות פארטראכט,
דרימעלט איין אין טיפען שלאף,
ברייננגט צו אונז דאן דער ווינט,
א גערויש פון א שטילער תפילה, —
א, גאט, הער אונזער געבעט, און ניט באשטראף
איצטער, ענגלאנד פאר אירע זינד.

געדענק זשע דאס אלץ און ניט פארגעס,
ווען עס וועט געשען דער גרויסער נס,
און צעשמעטערט וועט די „אקס" דאן ווערען,
און די זיגער וועלען צו די פרידענס טישען קומען,
דעמאלט זאלסטו זייער שמחה זיי פארשטערען,
זאלסט ביי זיי א דין וחשבון נעמען.

דערמאן זיי אין דער „פאטריא",
דערמאן זיין אין דער „שטרומא",
זאלען זייערע הערצער אויפציטערען,
פון אונזער גורל, פון אונזער ביטערען.

און מאן ביי זיי א באלוינונג
פאר די עולות פון טויזענטער יארען,
זאלען זיי ענדליך אונזער לאנד אונז אומקערען,
אונזער היים אויפבויען אונז ניט שטערען.

דאס וועט זיין די טרייסט, די נחמה,
פאר די קרבנות פון „פאטריא" און פון „שטרומא".

# א שפאציר איבער אונזערע אידישע פילאנטראפישע און הילף אינסטיטוציעס

פון **בן מאיר**

## דער מושב - זקנים

נישט לאנג, ערשט צוריק מיט צען יאר, האבען איינינגע געדענקט אז דער בילדינג איז צו גרויס פאר דער צאל זקנים און זקנות וואס דארפען אנקומען אין דער „האום". היינט צו טאג, איז ניט נאר די „האום" פארפולט, נאר ס'איז דא א „וועיטינג־ליסט" פון מענטשען, וועלכע מוזען און דארפען ארייננגענומען ווערען, און קיין פלאץ איז ניטא. דער קאמפיין, וועלכער איז באשטימט געווארען פאר דעם מאנאט מאי, דארף און מוז דורכגעפירט ווערען. און ס'איז קיין ספק ניט, אז די רעגירונג וועט געבען „פרייאריטי" רעכט דעם מושב זקנים, אום מ'זאל קענען דורכפירען דעם פלאן פון פארגרעסערען דעם איצטיקען בילדינג מיט לפחות נאך 32 בעטען, און מיט אן „עלעוויטאר", וואס איז זייער נויטיק אין דער איצטיקער צייט. ס'איז קיין פראגע ניט, אז די פירער דארפען — און פארדינען — די שטיצע פון יעדען רעכטדענקענדען מענטשען ביי אונז אין שטאט, ווייל דער „אל תשליכנו לעת זקנה" איז געווארען א גרויסע פראבלעם אין דער לעצטער צייט — סיי ביי די עלטערע מענטשען, און נאך מער ביי די קינדער פון די עלטערען.

## די דזשואיש פעמילי וועלפעיר סאסייעטי

מיט דעם פארמאכען זיך פון דער „קינדער־היים" — אדער ווי ס'איז געווען באקאנט אונז אונטער דעם נאמען, „בית־יתומים", און מיט דעם איינפירען פון א „פאסטער־האום־סיסטעם", וואו קינדער וועלען אוועקגעגעבען ווערען אין פריוואטע היימען, נעמט אויף זיך די „דזשואיש פעמילי וועלפעיר סאסייעטי" א גראנדיעזע ארבעט, ווייל וועניק — זייער וועניק — אידישע פאמיליעס זיינען וויליג ארייננצונעמען קינדער און געבען זיי א היים, צו וועלכער זיי זיינען בארעכטיגט. נאך מער, אין א צייט ווען די ארבעט פון דער סאייעטי פארגרעסערט זיך פון טאג צו טאג — די ארבעט פון „ריאביליטיישאן" פון פאמיליעס, העלפען קריגען דזשאבס, און אין אלגעמיין דער „סוירוויס־דעפארטמענט" אין געווארען אן אנערקענטער פאקטאר בא אונז, צו וועלכען פיעלע ווענדען זיך פון צייט צו צייט. דאס אלעס צוזאמען וועט די ארבעט פון דער סאסייעטי און אקטיוויטעט פארצווייפאכען.

## די לײדיס יוניאן אייד און די סאוט פראווידענס לײדיס אייד

כל זמן ס'געפינען זיך די צוויי סאסייעטיס ביי אונז אין שטאט, קען מען מיט רעכט זאגען, אז די טראדיציע פון „מתן בסתר", וועט שטענדיג זיין ביי אונז אין שטאט, ווייל זיי זיינען תמיד פון די ערשטע ארויסצוהעלפען אויף א אידישען וועג — אן רעש און טומעל, און אן „רעד טעיפ". אן אינטעדעסאנטער שטריך איז זייער ארבעט איז, וואס ניט נאר טוען זיי פאר דעם צוועק וואס זיי זיינען נעשאפען געווארען, נאר זיי זיינען שטענדיק גרייט צו העלפען אין יעדער וויכטיקער אונטערנעמונג ביי אונז אין שטאט. זיי פארדינען א „יישר כח" פאר זייער גוטער ארבעט — פאר אלעס און אלעמען וואס זיי טוען.

## די צוויי גמילת - חסדים'ס

איך גלויב באמת, אז ווען אונזערע מאדערנע „סאשעל וואורקערס" זאלען זיך פאראינטערעסירען אין דער ארבעט וואס א גמילת־חסד" טוט אין א שטאט, וואלטען זיי פון דעם א סך - א סך

# REMEMBER PEARL HARBOR
## געדענקט פּוירל האַרבאָר

פון **שלמה לייטמאַן**

זכור את אשר עשה לך עמלק,
מחה תמחה את זכר עמלק.

זכור! געדענק פּוירל האַרבאָר,
געדענק און ניט פאַרגעס,
יענעם טרויעריגען מעת-לעת,
פונ'ם זיבעטען דעצעמבער!

ווען באַפאַלען איז דער פיינט
מיט אייזען, שטאָל און פייער,
צו פאַרניכטען אַלץ
וואָס איז אונז ליב און טייער.

און צו דער גרויסער שאַנד,
איז נאַכלעסיג געווען די האַנט,
און שוואַך געווען די וואַפען,
דעם שונא צו באַשטראַפען.

יובלט איצט דער פיינט,
גייט פון זיג צו זיג,
און באַרימט זיך היינט,
אַז ער געווינט דעם קריג.

און שאַ און שטיל,
גלייכגילטיג איז דער עולם,
טעטיג איז נאָר דער פיינט,
און זיין פינפטער קאָלום.

געדענק זשע דאָס איצט,
געדענק און ערוואַך,
ניט הזר איבער יענע זינד,
שטיי איצט אויף דער וואַך!

זיי גרייט די קרעפטען אַנצושטריינגען,
זיי גרייט דעם שווערסטען קרבן ברייגנען,
ווער מיט בלוט און פלייש,
ווער מיט שווערער מי און שווייס.

און ווער ס'איז קראַנק און שוואַך,
אין פייער אַריין צו לויפען,
זאָל ער וואָס מער סטעמפּס,
און דעפענס באָנדס קויפען.

צו העלפען די רעגירער,
דעם פּרעזידענט, אונזער פירער,
צו מאַכען וואָס מער וואַפען,
טענקס, קאַנאָנען און עראָפּלאַנען שאַפען.

אויסצובויען אַ שטאַרקע ים מאַכט,
צו באַזיגען די פיינט אין דעם שלאַכט,
פאַרניכטען זיי, אויף שטויב צערייבען,
עס זאָל פון זיי קיין זכר גאָר ניט בלייבען.

די נעמען: הירּאָאיטאָ, היטלער און בעניטאָ,
מיט זייער פאַשיסטישען רומעל,
זאָלען ווערען אָפּגעמעקט אויף אייביג,
פון אונטער גאָטס הימעל.

און דעמאָלט וועט די גאַנצע וועלט,
ווערען אַ באַנייטע, אַ פרייע,
פריי פון שרעק און מורא,
פריי צו דינען דעם בורא.

פריי צו אַרבעטען און צו לעבען,
פריי צו זאָגען אַן אייגען וואָרט;
און יעדעס פאָלק וועט לעבען פריי
אין זיין אייגען לאַנד, אויף זיין אייגען אָרט.

און אויך מיר, אידען,
וואָס האָבען מער פון אַלעמען געליטען,
וועלען ענדליך אונזער היים באַקומען,
און לעבען גלייך מיט אַלעמען צוזאַמען.

## וועלט און קולטור

פון **א. סטיין**

שטענדיג, דענקט איר, וועט אייך גליקען!
איינעם דריקען, אַ צווייטען שטיקען!
און דעם אָרעמען, דעם „שוואַכסטען"!
אין גאַנצען גאָר פאַרניכטען . . . !

דער טייפעל שפּיל וועט אייך ניט גילטען!
און אומזיסט זיינען אייערע חלומות!
דען אַ מבול וועט אויסברעכען פון פאָלקס צאָרען . . . !
און אייך אַלע וועט ער פאַרטרינקען . . . !

דען גענוג! איבער גענוג!
האָט איר די „וועלט בימה"
מיט אייערע שמוציגע פיס שוין צעטראָטען!
צייט איר זאָלט לאַנג אַראָפּ . . .
און אייער אָרט, זאָלען מענטשען שוין פאַרטרעטען!

רעספּעקט! איר געלע מערדער!
באַדאַרפט איר האָבען פאַר דעם לאַנד!
וואָס האָט אייך פון בעסט געגעבען!
און שטענדיג פאַר אייך נאָר געזאָרגט!

אייך געלערענט! אייך געבילדעט!
אייך געצייגט דעם לעבענס-וועג!
ניט געוואוסט האָט „אַנקעל סעם",
אַז געבאָוועט האָט ער גאָר אַ שלאַנג . . . !

האָט אייך אַ אומגליק ווען געטראָפען —
איז אייך „אַנקעל סעם" דעם וועג פאַרלאָפען . . .
אייך געשיקט די ערשטע הילף,
אייך פון אויג ניט אָפּגעלאָזען!

אָבער איר! איר ים פּיראַטען!
מיט אייערע קראָקאָדילען אויגען —
איר וועט נאָך פאַר „אַנקעל סעם",
אויף אַלע פיר אין גיכען קריכען!

# חומש

פון נחום יוד
(ספּעציעל פאַר דעם „פּסח־בלאַט״)

אין איצטערדיגע טעג, ווען ס׳ווערט אויף אַלין געטראַכטן,
פאַרטיף איך זיך אין בוך פון יענער אַלטער צייט,
ווען יצחק׳ס פעלד געווען איז הונדערט־פאַך געראַטן,
ווי גאָט געבענטשט האָט אים, אַ גר, ביי פרעמדע לייט.

און אָט איז רחל מיט די שעפּסען אָנגעקומען,
און יעקב נעמט פאַר איר דעם שטיין פון קוואַל אַוועק . . .
און ווי אין ליבשאַפט האָבן זיך פאַר אים צעשוואומען
די שווערע זיבן יאָר אַזוי ווי זיבן טעג.

דערנאָך ווי ער האָט זיך מיט עמיצן געראַנגעלט
ביז אויפגעגאַנגען איז דער מאָרגן־שטערן ווייס,
און קעמלען קומען אָן מיט נעגעלאַך און מאַנדלען —
מען נידערט אין מצרים נאָך אַביסעל שפּייז . . .

אַ וואונדערליכע שיינקייט איז אין דעם בוך פאַרבאָרגן,
די פרישע לויטערקייט פון מאָרגן־טוי אין פעלד,
און ס׳ווערן ווייט פון אונז די איצטערדיגע זאָרגן,
און שענער און געלייטערטער שיינט־אויף פאַר אונז די
וועלט . . .

# ∴ דער כרמל ∴

פון אונזער פאַרשטאָרבענעם חבר
שמואל שערמאַן

איך האָב שפּאַצירט
באַם כרמל אַ נאַכט,
די לבנה געלייכט איבער מיר,
די שטערן ווינקען מיט בריליאַנטענע פינקען,
איך בין געווען גערירט.

ס׳איז אין מיין וועזען
געוועזען אַ יום טוב —
אַלץ אין מיר האָט געטאַנצט;
איך בין ווי פאַר׳כישוּפ׳ט געוועזען,
פון דעם פּראַכטיקן גלאַנץ.

די לבנה ליכט איז אַריין אין מיר,
און וויל פון מיר ניט אַרויס;
שטענדיק טראַכט איך פון איר,
פון איר שיינקייט און גרויס.

# פּנחס רוטענבערג

## קורצע שטריכען פון זיין לעבען

מיט דעם פאַרלוסט פון פּנחס רוטענבערג, האָט דאָס אידישע פאָלק בכלל און דער ישוב אין ארץ ישראל בפרט פאַרלאָרען אַ מענטש פון „טאַטען״. ער איז געווען אַ מענטש פון מעשים, און קיינמאָל זיך ניט אָפּגעשראָקען פון געפאָר. אין דער צייט ווען ער איז געווען פאַרכאַפּט פון דעם צויבער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז ער אין דער „סאָציאַליסטישער־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי״, פון וועלכער ער איז געווען אַ וויכטיקער מיטגליד, קיינמאָל ניט געווען דער „אידעאָלאָג״, קיינמאָל ניט געווען דער „רעדנער״, נאָר שטענדיק געווען דער מענטש פון טאַטען, און איז שטענדיק געווען גרייט מקריב צו זיין דאָס אייגענע לעבען פאַר דער אַרבעט, וואָס איז אים געווען טייער און אין וועלכער ער האָט געגלויבט.

מיט דעם זעלבען פייער וואָס ער האָט געדינט דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט ער זיך נאָכדעם אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבעט פון דעם אידישען קאָנגרעס. קיין אַרבעט איז פאַר אים ניט געווען צו שווער, צו העלפען מאַכען דעם געדאַנק פון אַ „אידישען קאָנגרעס״ פּאָפּולאַר. ער האָט געאַרבעט פאַר דעם מיט זיין גאַנצער ענערגיע, ביז דער אידעאַל איז פאַרווירקליכט געוואָרען.

אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער געוואָרען אַ ציוניסט. און אויך דאָ האָט ער באַלד, דורך מעשים, געוויזען זיין אינטערעס אין ארץ־ישראל. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דעם „אידישען לעגיאָן״. נאָך דער קערענסקי רעוואָלוציע, איז ער צוריק אַוועקגעפאָרען קיין רוסלאַנד, אָבער ער איז דאָרט לאַנג ניט פאַרבליבען. אין אָנהויב פון בירגער־קריג האָט ער פאַרלאָזען רוסלאַנד און האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל. און אין ארץ־ישראל איז ער ניט געוואָרען קיין שרייבער־רעדנער (כאָטש ער האָט געהאַט וועגען וואָס אַ סך, אַ סך צו שרייבען און צו רעדען), נאָר ער האָט זיך גענומען צו מעשים, און דאָס איז — די „עלעקטריפיקאַציע״ פון דעם לאַנד, וועלכעס האָט געבראַכט נוצען ניט נאָר אין די באַקוועמליכקייטען און אין דעם עקאָנאָמישען לעבען, נאָר האָט אויך איבערגענומען אַ וויכטיקע טייל אַרבעט פון אויפלעבען דאָס לאַנד אין אידישע הענט — אַ אונטערנעמונג אין וועלכער טויזענטער אידישע אַרבעטער באַקומען באַשעפטיגונג. ס׳איז מיט דעם געלייגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון אַ גרויסער אידישער אינדוסטריע.

אין דער באַציאונג פון רוטענבערג׳ן צו די אַרבעטער האָט מען שטענדיג געקענט דערקענען דעם רעוואָלוציאָנערען קעמפּער פון אַמאָל. ער האָט תמיד געהאַט אַ פאַרשטענדעניש פאַר דעם אַרבעטער און זיינע נויטען. און, אַ דאַנק זיינע באַמיהונגען, האָבען זיי באַקומען אַ מעגליכקייט זיך צו קאָלאָניזירען אויף דעם באָדען. ער האָט שטענדיג געזאָרגט פאַר זייערע באַדינגונגען, פאַר זייער געזונט, און פאַר זייער צוקונפט.

די צוואה וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, ווייזט אַז ער האָט זיך ניט געביטען די גאַנצע צייט. זי ציינט, אַז ער איז געווען דער מענטש פון „מעשים״, ניט פון קיין רייד און פראַזען. די צוואה ווייזט אויך, אַז די נאָענטסטע זיינע זיינען געווען און פאַרבליבען די מענטשען פון ״מעשים״ — די אַרבעטער.

ער האָט אָנגעזאָגט, אַז קיין הספד זאָל ניט געמאַכט ווערען, און די נושא המטה, א. א. וו., זאָל דורכגעפירט ווערען דורך די אַרבעטער, מיט וועמען ער האָט געאַרבעט און געלעבט די גאַנצע צייט, און פאַר וועמען ער האָט געקעמפט דאָס גאַנצע לעבען.

— אַלטער בוימאַן

# אַ דאַנק

איך וויל אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק צו די חברים און חברות פון די פּועלי ציון און פון דעם אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, און פון דעם פּרויען פּיאָנערן קלוב, פאַר דער געטריישאַפט וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו מיר דורך דער צייט פון מיין קראַנקהייט, ווי אויך פאַר דעם כבוד וואָס מ׳האָט מיר צוגעטיילט מיט׳ן פאַרשרייבן מיך אין דעם „גאָלדענעם בוך״.

איך האָף, אַז איך וועל קענען מיט אייך צוזאַמען טון די אַרבעט וואָס איז נויטיק היינט צו טאָג בכלל און פאַר ארץ־ישראל בפרט.

אויך דאַנק איך אייך אין נאָמען פון מיין פאַמיליע.

מיט חבר׳שן גרוס,

מעקס בערמאַן

# חי-צום לעבן!

פון **אייזיק העמלין**
נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר

היינטיקס יאָר איז דער 18־טער זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין — דער אינסטרומענט פון אונזער סאָלידאַריטעט און צוזאַמענבונד מיטן אַרבעטנדן ארץ ישראל. עס איז כדאי זיך צו דערמאָנען אָן דעם דאַטום, און די טראַדיציאָנעלע ברכה פון ח"י איבערשיקן צו אונזער אַוואַנגאַרד אין ארץ ישראל און צו אַלע די וואָס קעמפן פאַר דעמאָקראַטיע און פרייהייט.

* * *

אונזער היי־יאָריקער קאַמפּיין איז אַן ענטפער אויף די דרינגענדע נויטן, וועלכע די איצטיקע מלחמה האָט אַרויסגערופן אין ארץ ישראל. ער שטאַרקט די טויזנטער חברים, וועלכע שטייען אויפ'ן פראָנט. ער דערמוטיקט די צענדליקער טויזנטער, וועלכע שטייען הינטערן פראָנט און פירן דעם אַקער־אייזן, און שטעלן צו די נויטיקע מיטלען צו די, וועלכע קעמפן פאַר אונזער כבוד און אונזער צוקונפט.

* * *

לאָמיר דאָ דערציילן וועגן אַ באַגעגעניש וואָס איך האָב געהאַט מיט אַ גרופּע חברים אין אַ מיטל־וועסטערן שטאָט. מיר זיינען געזעסן ביי אַ גלעזל טיי און געמיטלאַך געשמועסט וועגן געווערקשאַפטן קאַמפּיין, זיינע דערגרייכונגען און ווייטערדיקע טעטיקייט. זאָגן איינינקע חברים, אַז מ'וואָלט אפשר געדאַרפט ענדערן דעם נאָמען פון קאַמפּיין, כדי אַפּעלירן צו ברייטערע קרייזן און פאַרגרעסערן די זאַמלונגען. איינער פון די חברים, וועלכער האָט דעם גאַנצן אָוונט נישט אַנטייל גענומען אין אונזער שמועס, האָט זיך ביי דעם פּונקט אַביסל צעקאָכט. „צוליב וואָס", זאָגט ער, „זאָל מען מאַכן ענדערונגען? עס איז דער בעסטער נאָמען וואָס מ'האָט געקענט אויסקלייבן. מיט דעם נאָמען, — דערציילט ער, — האָב איך די לעצטע עטלאַכע יאָר געזאַמלט פיל מער ווי אין די פריערדיקע ציַיטן. איך גיי אַריין צו אַ אידן און איך זאָג אים, 'געווערקשאַפטן קאַמפּין', זאָגט דער איד: 'וואָס? געווערקשאַפן?' — און דערלאַנגט מיר אַ בכבוד'יגן טשעק. אַזוי אַרום האָב איך מיט דעם נאָמען דערגרייכט צוויי און דריי מאָל אַזוי פיל. היינט, צו וואָס דאַרף מען מאַכן ענדערונגען?"

יאָ, דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין. היינטיקס יאָר טראָגט אַן אויסערגעוויינלאַכע באַדייטונג. אין אַלע פריערדיקע יאָרן איז ער געווען דער טרייער שותף פון דער הסתדרות אין איר כסדר'דיגער בוי־אַרבעט. איצט וועט אונזער קאַמפּיין אויך שטאַרקן די הענט פון אונזערע קעמפער — די וואָס היטן אָפּ דעם היינט און גרייטן צו פאַר אונזער פאָלק אַ בעסערן און ליכטיקערן מאָרגן!

* * *

אַ ליכטיקערן מאָרגן! אַ פאַרגיטיגונג פאַר די בלוט און טרערן וואָס אונזערע שוועסטער און ברידער פאַרגיסן איצט אין יאָמערטאָל פון היטלער גיהנום — אַ טרייסט פאַר די „שטרומא" און די הונדערטער מאַרטירער וואָס זיינען אונטערגעגאַנגען על קידוש השם. אויף די אַלע יסורים און פּיין איז דאָ בלויז איין ענטפער — קעמפן און בויען. איינהיטן און פאַרשטאַרקן אונזערע פּאָזיציעס; צוגרייטן דעם טאָג, ווען צענדליקע שיפן וועלן זיך ציען צו די ברעגן פון אונזער היימלאַנד און וועלן אויפגענומען ווערן דורך די טרייע און פעסטע הענט פון אונזערע האַפּן־אַרבעטער, באַשיצט פון אַ וואַקסנדער און זיכערער אידישער געזעלשאַפט.

* * *

מיט אָט די האָפנונגען וועלן מיר גיין צו אונזערע ערשטע, צווייטע און דריטע סדרים. מיט אָט די געפילן וועלן מיר עפענען דעם יערלאַכן הסתדרות קאַמפּיין אין פּראָווידענס.

פאַר דעם אַמעריקאַנער מלחמה־בודזשעט וועלן מיר געבן רעם מאַקסימום פון געלט און העכסטער אָנשטרענגונג. דער זעלבער אָפּרוף זאָל זיין פאַר דעם קאַמף און בוי־אַרבעט פון דער הסתדרות, און פאַר דער העראָאישער אָנשטרענגונג פון אידישן ישוב אין ארץ ישראל — איין פראָנט, וועלכער ציט זיך פון ירושלים ביז וואַשינגטאָן . . . איין האָפנונג און תפילה — פאַר רער פאַרניכטונג פון היטלעריזם, פאַר'ן זיג פון די דעמאָקראַטישע כחות — פאַר דער ענדלאַכער אויפריכטונג און באַפרייאונג פון אידישן פאָלק. פאַר דעם קאַמף איז ווערט צו ווידמענען כחות, צו געבן דעם מאַקסימום און שאַפן וואָס מער ביי אַנדערע.

* * *

איך שיק אייך, ליבע חברים, מיין האַרציקע ברכה — געבענטשט זאָל זיין אייער הייליקע אַרבעט!

# יזכור

פון **דוד פּינסקי**

---

יזכור! זאָל דאָס פאָלק ישראל געדענקען די זיבנהונדערט און פופציק מענער, פרויען און קינדער, אומגליקליכע קרבנות פון בלוט-דורשטיקן אידנהאַס, דערטרונקען געוואָרענע אין אַ מיט טויטלעכע מינעס באַזייטן ים.

אַרויסגעטריבענע פון זייערע היימען דורך אוממענשליכער אכזריות, געיאָגטע דורך פּיין און פאַרפאָלגונגען, צווישן שורות שמייסנדיקע יסורים, האָבן זיי זיך געוואָלט דעררעטעווען צום לאַנד, וואָס איז אונז פאַרשפּראָכן געוואָרן.

אָבער האַרטהאַרציקע רשעות האָט פאַרשלאָסן פאַר זיי דאָס לאַנד, פאַרשפּאַרט פאַר זיי דעם וועג צו דער געזוכטער רעטונג און געטריבן זיי צוריק אויף די געפאַרן פון ים צו זייער זיכערן טויט.

זיבנהונדערט און פופציק נפשות, מענער, פרויען און קינדער! זייערע נעמען זיינען אומבאַקאַנט, אָבער זייער אָנדענק צוזאַמען מיט דעם אָנדענק פון אַלע אונזערע הייליקע און ריינע, וואָס זיינען אומגעקומען אויף דעם מיט בלוט דורכגעווייקטן אידישן מאַרטירער-וועג.

זאָל דאָס פאָלק ישראל געדענקען די האַנט, וואָס האָט זיי נישט דערלאָזן צו די ברעגן פון זייער לאַנד!

נישט פאַרבלאַסן זאָל אונזער טרויער און נישט איינשלאָפן זאָל אונזער פּראָטעסט, ביז די תליון-האַנט וועט דערוויטערט ווערן און אונזער לאַנד ישראל וועט געעפנט ווערן פאַר אַלע אונזערע וואָגלער און היימזוכער — אַן אויסגעלייזט לאַנד פאַר אַן אויסגעלייזט פאָלק.

(דער „יזכור" איז געזאָגט געוואָרן אויף די פּראָטעסט מיטינגען פון די ציוניסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס קעגן דער האַנדלונג פון דער בריטישער און ארץ־ישראל רעגירונג, וועלכע האָט געבראַכט צו דער טראַגעדיע פון דער שיף „שטרומא", וואָס האָט געבראַכט טויט צו 750 אידישע וואַנדערער.)

# אַ ליכטיג בלעטל אידישע געשיכטע

פון בערל סיגאַל

לכבוד פסח און לכבוד די העלדישע האָלענדער, וועלן מיר אויפמישן אַ בלעטל אידיש צוזאַמענלעבן זיך מיט די האָלענדער.

דאָס בלעטל איז אַ ליכטיגס. און עס איז דוקא געשריבן געוואָרן אין זייער אַ פינסטערער צייט. כמעט אַזוי פינסטער ווי עס איז היינט דאָס אידישע לעבן.

עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז געווען איז דאָס אין די צייטן פון דער אינקוויזיציע אין שפּאַניע, פון כמעלניצקי און אוקראַינע, און פון דעם איינפירן געטאָס אין דייטשלאַנד.

דערפאַר איז דאָס בלעטל אידיש לעבן אין האָלאַנד אין יענער צייט אַליין ווי אַ מין הגדה.

## א) איז געפאָרן אַ שיף מיט אידן.

אידישע שיפן פאָרן אַלעמאָל איבער אַלע ימים. און ניט אַלעמאָל ווייסן זיי ביים אַרויספאָרן וואוהין און ווען זיי וועלן אָנקומען.

איז געפאָרן אַ אידישע שיף, אין דעם יאָר 1593, פון פּאָרטוגאַל, אָנגעלאָדן מיט אנוסים. היינטיגע צייטן לויערן אויף די שיפן סאָבמאַרינען, מינען. אין יענע צייטן, האָבן אויף שיפן איבער די ברייטע ימים געלויערט ים רויבער. מערסטענס, ענלישע ים־רויבער. און ווער שמועסט אַז די שיף איז אָנגעלאָדן מיט רייכע אידישע אַנטלאָפענע פון שפּאַניע, איז דאָך דאָס אוודאי אַ פעטער ביסן.

אָבער דאָ האָט געטראָפן אַז דער קאַפּיטאַן פון דער ענגלישער שיף האָט מער געגלוסט צו דער שיינקייט פון אַ אידיש מיידל, וואָס איז געווען אויף דער שיף, ווי אויפן גאָלד און זילבער פון די אידן. ער האָט די שיף געבראַכט קיין ענגלאַנד און געוואָלט חתונה האָבן מיט דער אידישער מיידל. די מיידל איז געווען אַזאַ יפת־תואר, אַז די קעניגין אַליין איז זי געקומען אָנקוקן. אָבער די מיידל האָט זיך, ווייזט אויס, ניט שטאַרק אָנגעשלאָגן אין דעם שידוך, און זי האָט זיך געבעטן מ׳זאָל זיי לאָזן זיך באַזעצן אין לאַנד. אָבער אויב ניט קיין שיין מיידל, נאָר בלויז אידן, האָט זיך ענגלאַנד ניט אָנגעשלאָגן אין דעם שידוך, און די שיף איז געפאָרן ווייטער.

נאָך אַ שווערן שטורעם איבער דעם ענגלישן קאַנאַל, איז די שיף ענדליך אָנגעקומען קיין האָלאַנד און די אנוסים האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט אַמסטערדאַם.

אַזוי האָט זיך, כמעט ווי דורך אַ נס, אָנגעהויבן אַ נייער אידישער ישוב, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַ מקום פאַר שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אידן.

און ניט נאָר איז האָלאַנד געוואָרן פאַר זיי אַן אָפּרו פּלאַץ, נאָר אויך אַ צוריק־קער. ווארים אַזוי גיך ווי זיי האָבן געשטעלט זייערע פיס אויף דער האָלענדישער ערד, האָבן זיי זיך באַלד מל געווען און געוואָרן אידן.

און גאָר אינגיכן איז אַמסטערדאַם אַ שטאָט פון תורה.

ביי אידן איז אַ לאַנגע צייט אַמסטערדאַם באַקאַנט געווען אַלס „ניי־ירושלים", די ירושלים פון האָלאַנד.

## ב) גרינג צו זיין אַ איד . . .

אַז עס איז שווער צו זיין אַ איד, ווייסן אַלע. אָבער אַז עס איז פיל גרינגער און בעסער צו זיין אַ איד איידער אַ קריסט, איז אַ נייס.

אָבער אין האָלאַנד איז דאָס געשען. ממש אַ נס.

אָט ווי די מעשה ווערט דערציילט:

אַז די אנוסים זיינען אָנגעקומען אין האָלאַנד, האָט די באַפעלקערונג געקוקט אויף זיי אַ ביסל מיט חשד. ניט דערפאַר וואָס זיי זיינען אידן, נאָר דערפאַר וואָס מען האָט זיי געהאַלטן פאַר קאַטאָליקן, און קאַטאָליקן זיינען ניט זייער שטאַרק באַליבט געווען אין האָלאַנד. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט זיך האָלאַנד אַליין באַפרייט פון דעם יאָך פון שפּאַנישן קעניג, און פון דעם איינפלוס פון פויפּ אין רוים. און דאָ זיינען געקומען מענטשן פון שפּאַניע, און אויב פון שפּאַניע, זיינען זיי דאָך אוודאי קאַטאָליקן. ווער שמועסט, אַז מען האָט געזען ווי אין אַ טאָג — דאָס איז געווען יום כפור — פאַרזאַמלען זיך די שפּאַניער אין אַ הויז און דאַווענען דאָרט, איז דער חשד געוואָרן נאָך שטאַרקער.

האָט זיך אַן עולם פאַרזאַמעלט אַרום דער הויז און די דאַוונער זיינען זיך אין שרעק צעלאָפן. בלויז דער חזן איז געבליבן ביים עמוד, און דעם חזן מיט זיין זון האָט מען אַרעסטירט.

נאָר איינער פון די שפּאַנישע אידן, יעקב טיראַדאָ, האָט געקענט ריידן לאַטיין, און ער האָט דערקלערט דעם מאַגיסטראַט וואָס פאַר אַ קאַטאָליקן דאָס זיינען.

— אויב אַזוי — האָט דער מאַגיסטראַט אַן עצה געגעבן — וואָס זשע דאַרפט איר זיך באַהאַלטן אין פּריוואַטע הייזער? בויט אייך אויס אַ שול און פאַרזאַמעלט זיך דאָרט און בעט דאָרט צו גאָט אויף אייער שטייגער.

האָבן די אידן אויסגעבויט אַ שול און זי אַ נאָמען געגעבן, „בית יעקב", אויפ׳ן נאָמען פון יעקב טיראַדאָ.

## ג) האַלט דיין צונג, רשע . . .

האָלאַנד איז דאַן געווען אַ וועלט מלוכה. אירע קאָלאָניעס האָבן אָנגעשפּאַרט ניט נאָר אין די אינדזלען איבער אַלע ימים, נאָר אויך אין אַמעריקאַ. בראַזיליע איז געווען אירע אַ קאָלאָניע. דאָס היינטיגע ניו־יאָרק איז געווען אַ האָלענדישע קאָלאָניע.

דערציילט זיך, אַז ווען אין דער האָלענדישער קאָלאָניע, וואָס האָט געהייסן ניי־אַמסטערדאַם און וואָס מיר קענען היינט ווי ניו־יאָרק, איז אָנגעקומען אַ שיפל מיט אידן, האָט דער גאָווערנאָר ניט געהאַט קיין חשק זיי אַריינצולאָזן.

היינט לערנען הונדערטער אידישע קינדער אין אַ סקול וואָס טראָגט דעם נאָמען פון יענעם גאָווערנאָר — ווען ער ווייסט דאָס, וואָלטן זיך זיינע ביינער איבערגעקערט אין זיין קבר, ווארים קיין גרויסער גוטער פריינט פון אידן איז ער ניט געווען.

האָט ער געהאַלטן די ניי אָנגעקומענע אידן איינגעשפּאַרט ביז ער וועט הערן וואָס מיט זיי צו טון.

איז אָנגעקומען אַן ענטפער פון האָלאַנד, אַז די קרוין פון האָלאַנד מאַכט ניט קיין חילוק צווישן איין רעליגיע און דער צווייטער. דער עיקר איז, צי זיינען די אידן ערליכע מענטשן.

און דער רשע, סטייוועסענט האָט געמוזט נאָכזאָגן אָמן.

---

און אויב עס דערגייען אַצינד ידיעות פון ארץ־ישראל — נייע טויזנט און נאָך טויזנט פרייוויליקע אידישע זעלנער . . . נייע טויזנט און נאָך טויזנט דונאַם פאַראַקערטן און פאַרזייטן באָדן, נייע שטיינבערעכערייען אין די פאַרגליווערטע פוסטע בערג, נייע בחורים לאָזן אַראָפּ אַליין־געבויטע שיפן און שווימען צו דער ניווי אין סועז, נייע אייגן ברויט, נייע הסתדרות־שמירה אויף די גרעניצן פון נגב און גליל, נייע זעלבסט־הילף פון דער הסתדרות פאַר די סאָלדאַטן־משפחות, פאַר קינדער פון זעלנער אין די שולן פון עמק, פאַר משפחות, וואָס באַקומען פולע הילף אין דער קאָאָפּעראַטיווער אייגענער קראַנקן־קאַסע, די נייעס, אַז ס׳איז נישטאָ מער קיין אַרבעטסלאָזע און די קראַמען מיט ביליקע פּראָדוקטן זיינען איצט אָפן נאָר פאַר ניי־געקומענע פון שטורמדיקן ים און פאַר משפחות פון ארץ־ישראל׳דיקן זעלנער „ערגעץ וואו דאָרטן" . . . און „אומעטום" — זאָגט עס אָן דער אידישער וועלט די בשורה, אַז אונזער שוץ איז פעסט, אַז „אונזער שוץ זיינען ערשטענס מיר אַליין", אַז „קליינע" און „גרויסע" זאַכן ווערן ניט פאַרגעסן, ווערן ניט פאַרנאַכלעסיקט, אַז עס פעלט ניט קיין חלוצישער ווילנס־וואָפן. . . .

זאָלן נאָר פריינד, וואָס ניבן זיך אַן אַלס פריינד, באמת זיך אויסצייכענען מיט דער עליה, מיטן וואוקס פון זייער ממשות׳דיקער פריינדשאַפט — וועלן די שונאים פאַלן ביי די טויערן פונם באַנייטן און באַפרייענדיקן אַרבעטנדן אידנלאַנד. . . .

דער דריטער מלחמה־פרילינג ברענגט נייעם ציטער, נייעם אומרו, נייעם גערענגל — און נאָר מיט מערער ערד, ברויט, וואַסער, באַוואָפנונג, עליה, געצייג, פאַך־בילדונג און סאָלדאַטן־„הכשרה", מיט מערער אַרבעטער אין דעפענס־פאַבריקן און אַרבעטער־ישובים אין נגב און גליל — וועט ניט פאַרפעלן קיין נייע גבורה און פּיאָנערטום, קיין פרייע אידישע היים און אַ פרייע וועלט. . . .

# קעמפן און בויען—דער וועג פון הסתדרות

פון ישראל מערעמינסקי
(ספעציעל פאר׳ן פסח-בלאט)

קעמפן און בויען, איינהיטן דאס פאראנענע און שאפן נייע ווערטן, איינווארצלען די שוין געקומענע אין לאנד און דערלאנגען א ברודער־האנט צו שוועסטער און ברידער, טאטעס און מאמעס, זין און טעכטער, וואס זוכן דעם וועג צו עליה — דאס איז דער טאג־טעגלעכער דרך פונם אידישן ארבעטער און פון זיין הסתדרות אין ארץ ישראל. שוין פון גאר דער וועלט און זעלבסטשוץ פונם אידישן פאלק און לאנד, העלפן דעם וועלט־פראנט אין דער גרעסטער פון די וועלט־מלחמות, — דורך זעלבסט־הילף, טיילן די כוחות צווישן היים־פראנט און וועלט־פראנט, צווישן ארמיי־מארש און ערד־ארבעט, צווישן לופט־נעראנגל, און ים־צוזאמענשטויסן, צווישן פירן און באגלייטן „סופליי״־טראנספארטן פאר דער דעמאקראטישער ארמיי און אנהאלטן די פארבינדונג מיט די גבורה־כוחות פון געטא־לענדער — דאס זיינען די דאגות פון דער הסתדרות אויפן שוועל פון דעם דריטן מלחמה־פרילינג.

די צוויי און א האלב מלחמה־יארן האבן באוויזן דער אידישער און ניט אידישער־וועלט — אז די תקופה פון פיאנערטום, פון הלוצים, וועלכע די הסתדרות האט געעפנט ביים אפשלוס פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ניט קיין צופעליקער פרק אין אידישן וועלט־לעבן. די צוויי און האלב יאר מלחמה, וועלכע האבן רואינירט מיליאנען אידישע לעבנס־נעסטן, האבן באוויזן באשיינפערלאך, אז דער אידישער כוח אין ארץ־ישראל איז פאר די לעצטע 20 יאר ניט נאר געוואקסן אין צאל, נאר — א דאנק דער הסתדרות — אויך געווארן א לייכט־טורעם פאר פרייהייט אין דעם איצטיקן „בלעקאוט״.

אין די לעצטע צוויי צענדליג יאר פון עליות און ירידות, פון נאך־מלחמה „דערגרייכונגען״ — פון גלייכקייט אומעטום, פון סאציאלער רעוואלוציע אין רוסלאנד, פון נאציאנאלער אוטאנאמיע אין אוקראינע און אין די באלטישע לענדער, פון גלייכבארעכטיקונג אין פוילן, פון „וויימאר״ אין דייטשלאנד און פון „פעלקער־בונד״ אין דער וועלט — אין אט־א די צוויי צענדלאג יארן — האט די הסתדרות אין ארץ־ישראל אנגעזאמלט איר רעאלן כוח פון היינט, וואס איז — אן אנהייב פון אייגענער ערד, ברויט, וואסער, פיש און שיפן אין די ים־ברעגן און בוימער אין די בערג — אן אנהייב פונם אידישן אליין־ארבעטנדיקן פאלק אויף יבשה, ים און אין דער לופטן פון דער צוקונפטיקער אידישער מדינה.

*　　*　　*

**דער כוח פון דער הסתדרות** פאר איר אליין און פאר דער וועלט באשטייט אין רעאליזירן די געבאטן: „פריער די מעשים! ...„הויב אן פון זיך אליין — וועלן אנדערע דיר גלויבן און נאכטאן!״ . . . „קעמף ניט פארן אבסטראקטן יושר פון אנערקענען דיין רעכט אויף לעבן — פריער לעב, בוי, שאף און דורך דיין וואוקס און דורך דיין באשיצן דאס געשאפענע דעוועערבסטו במילא דיין רעכט אויף וואקסן און לעבן, און די אנערקענונג פון אנדערע וועט דאן קומען!״ . . .

דער אידישע ארבעטער אין ארץ־ישראל האט אנגעהויבן צו בויען קאלעקטיוון און יוניאנס, גרייטע אויפצונעמען אידישע עליה נאך איידער די „באדינגונגען״ זיינען דערצו פון אימיצן געשאפן געווארן. . . . דער אידישער חלוץ פון 1919, 1920 און 1939־41 איז עולה רגל קיין ארץ־ישראל נאך איידער די פאליטישע און עקאנאמישע הילף דערגרייכט אים, און ער אליין — איז דער גרעסטער אנליין פאר דער מאסן־עליה, וואס קומט נאך. . . . דער אידישער ארבעטער האט באשיצט תל־חי אן א חשבון פון מיליטערישע צאלן און ער זיצט היינט אין תל־חי און ער עפנט נייע לעבנס־נעסטן ארום דעם זומפ פון חולה און אין די בערג פון גליל אין איצטיקע מלחמה־טעג — ניט מיטן כוח פון דרויסן, נאר מיטן כוח פון זיין אויפריכטיקן לעבנס־ווילן, פרייהייטס־דורשט, מיטן כוח פון זיין אייגענער זעלבסטשוץ און ארבעט, איניציאטיוו און אחדות, וועלכע ווייסן ניט פון סעקטע־אינטערעסן און ווערן כסדר באהויכט מיטן לעבנס־דראנג פון דעם מיליאנענדיקן אידישן פאלק אין גאר דער וועלט. . . .

אוודאי וויל די הסתדרות, אוודאי וויל דער ישוב און אוודאי וויל די מערהייט פון אידישן פאלק, וואס פייניקט זיך אין געטא, וואס זוכט לעבנס־וועגן אויף די ראנדן פון דער פארקנעכטעטער אייראפע און אויף שטעגן צו ארץ־ישראל, אוודאי ווילן די אידיש־לעבנדיקע אידן אין גאר דער וועלט, אז די אידישע פאן זאל הויכן איבער די אידישע מיליטער־איינהייטן, אבער די הסתדרות ווייס, אז איר ערשטער חוב איז צו שלאגן היטלערן און זיינע נושאי כלים, אן קיין שום תנאים, אומעטום און ביי יעדער געלעגנהייט, דעריבער איז עס פריער דערשינען די אידישע ארמיי און איצט קומט דער קאמף פאר איר אנערקענונג. 10,000 שוין אין די מלחמה־שורות, 2,000 — אין די סאלדאטן־„הכשרה״־לאגערן, פון זיי 9,000 חברים פון דער הסתדרות — דאס איז די באזע פארן קאמף פאר דער ווייס־בלויער פאן. צו זיי קומען צו 5,000 נוטרים („קאנסטאבולערי״) איבערן לאנד, וואס די רעגירונג צאלט זיי א קליינעם לוין, און 14,000 ניט־באצאלטע, אבער גוט־טרענירטע און באוואפנטע . . . צו זיי נאך טויזנטער, וואס האבן דורכגעמאכט זעלבסטשוץ און זיינען שטענדיק גרייט פאר שוץ און זעלבסט־פארטיידיקונג פונם לאנד — דאס איז דער דירעקטער מיליטערישער כוח און בייטראג פונם אידישן ארבעטער און פיאנער צום מלחמה־פראנט. . . .

פריער מלחמה־קעמפער — שפעטער אנערקענונג! דאס איז דער וועג פון דער הסתדרות, פונקט ווי זי האט עס 22 שווערע הארעפאשנע יארן געמאכט אויף אנדערע לעבנס־געביטן . . . פריער עליה — און שפעטער איז געקומען פאזיטיווע אפשאצונג מצד דעם ישוב, דעם פאלק, ציוניסטן, ניט־ציוניסטן, מצד אידן און ניט־אידן. . . . בראשית איז געקומען די קבוצה, די געמישטע ווירטשאפט, דער קאאפעראטיוו — און שפעטער קומען די גרויסקייט און די תהילות ותשבחות, אז מיר האבן אייגענעם ווייץ און מילך אין מלחמה־טעג. . . .

*　　*　　*

**דעם דרך** מוז גיין אצינד יעדער איינער, וואס וויל ניט סתם פריידיקן אידישע גאולה, נאר באמת דערמוטיקן היינט די געטא־אידן מיט אויסזיכטן פאר א פרייען זעלבסט־שטענדיקן לעבן פון דעם מיליאנענדיקן אידנלאנד, דאס איז דער וועג פון מונטערע מעשים אין טעג פון מלחמה־עליות און ציטערן, — מעשים וואס העלפן איבערקומען מלחמה־יסורים און צוקומען צום אמת׳ן שלום־בנין. . . .

דער קאמף פאר עליה טאר איצט ניט אויפגעגעבן ווערן — עליה איז געווען און איז דער רעוואלוציאנערסטער און ראדיקאלסטער וועג צו לייזן די אידנפראגע. דאס איז דער וועג אנצופילן דאס פוסטע חרוב׳ע ארץ־ישראל מיט פארטיידיקונג און מיט שאפונגס־מענטשן, מיט כוחות און גייסט פאר זיך און פאר דעם אלמענטשלאכן ארום. . . . מ׳מוז בייסן די ליפן און נעמען אויך 1350 סערטיפיקאטן ביז אפריל 1942, אבער מ׳מוז עליה דערהויבן צו פאלקס־מאסן מיט אלע מיטלען. די נעכטיקע „פאטריא״־פליטים זיינען שוין „אין פראנט״ — איצט מוז מען באפרייען די 800 פון דער שיף „דאריען״, די געראטעוועטע פון „סאלוואדאר״, וואס לעבן נאך אין ארץ־ישראל׳דיקע צוואנגס־קעמפס. . . .

ווי טוריסטן, ווי זעלנער, ווי פליטים, ווי שאפערן, ווי נייוויי־ארבעטער, ווי גאראזש־מייסטערס און לופט־פליער, ווי חלוצים פון אידישן אייזערנעם לעבנס־ווילן גייען און וועלן גייען אידן — און די הסתדרות גייט מיט זיי, גייט זיי פאראויס און — קומט זיי אנטקעגן פון ארץ־ישראל און פון אומעטום — די הסתדרות און אירע טרייע פריינד פון מיטל־לענדישן ים ביז די ימים־ברעגן פון אמעריקע.

עס איז ערב דעם דריטן מלחמה־פרילינג אין ארץ־ישראל. עס שיינען אראפ די ליכט־שטראלן פון דאס איבערגעקומענע און ביי־געקומענע פאר די פארגאנגענע יארן. עס קלייבן זיך וואלקנס פון נייע שווערע איבערלעבונגען ביים סועז ביז די גרעניצן פון טערקיי, קאווקאז, איראק, איראן. . . .

נייע פרואוון פארפליכטן ערשטנס נייע אנזאמלונג פון כוחות, נייעם „סופליי״ פון מונטערקייט און מוטקייט, פון חברישקייט און פון דעם טיערסטן וואפן אין מלחמה — דעם רעאלן געפיל, אז מ׳איז ניט בלאקירט, ניט איינזאם.

# פראָווידענסער פסח-בלאַט

ארויסגעגעבן פון

פועלי ציון - צעירי ציון     פרויען פיאָנערן קלוב

אידיש נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד

אלטער בוימאַן, רעדאַקטאָר


## דער היינטיקס-יאָריקער קאַמפּיין

אַז מע באַקענט זיך מיט דער וואונדערבארער אַרבעט, וואָס די הסתדרות האָט דורכגעפירט לעצטען יאָר, אויף אַלע געביטען. אַז מ'באַקענט זיך מיט די נייע אַרבעטען, וואָס די הסתדרות האָט אויף זיך גענומען דורך דער צייט פון דער שרעקליכער מלחמה, און האָט אויך ניט אָפּגעשטעלט די טאָג-טעגליכע אַרבעט, וועלכע זי פירט דורך מיט דער גרעסטער מסירת נפש, די גאַנצע צייט, פאַר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל אַלס דאָס לאַנד פון דעם „עם ישראל"; אַז מע באַקענט זיך מיט דעם אַלעמען, איז דעמאָלד — און נאָר דעמאָלד — קען מען פאַרשטעהן דעם חוב וואָס ליגט אויף אונז, פריינד פון דער הסתדרות, צו העלפען זיי אין דער אַרבעט פון „בויען און פאַרטיידיגען".

די הסתדרות האָט די מאָראַלע רעכט צו קומען צו אַלע פריינד, וועלכע ווילען זעהן ארץ ישראל געבויט אויף די יסודות פון יושר און גערעכטיקייט, און פאָדערען פון זיי אַ חשבון הנפש — זיי זאָלען זיך אָפּגעבען אַ רעכענונג — צי טוען זיי זייער טייל איצט, אין דער גרעסטער שעת סכנה, וואָס דער ישוב לעבט דורך, און צו געבען זיי די פולע שטיצע וואָס די אַרבעט פאָדערט, און וועלכע זי האָט זיכער פאַרדינט.

ס'ווילט זיך האָפען, אַז יעדער פּראָגרעסיווער, רעכט-דענקענדער מענטש ביי אונז אין שטאָט, וועט טון זיין חוב אין דעם איצטיקען קאַמפּיין און מיטהעלפען אין דער אַרבעט צו מאַכען דעם קאַמפּיין דעם דערפאָלג, וואָס ער האָט זיך שטענדיג פאַרדינט צו זיין, און בפרט אין דער איצטיקער קריטישער צייט, אין וועלכער ארץ ישראל געפינט זיך.



## גאולת הארץ
## דער נאַציאָנאַל פאָנד

גאולת הארץ, דאָס אויסקויפען פון לאַנד פאַר דעם גאַנצען אידישען פאָלק, וועט שטענדיג זיין די וויכטיגסטע אַרבעט; ווייל אויב מיר האָבען היינט צענדליקער „קבוצות", איז דאָס נאָר מעגליך געוואָרען ווייל דער „קרן קימת" האָט געגעבען דאָס לאַנד. אויב מיר האָבען אַ „עמק", אויף וועלכען יעדערער איז שטאָלץ און רעדט מיט באַוואונדערונג, איז דאָס נאָר מעגליך געוואָרען דורך דעם לאַנד וואָס איז געגעבען געוואָרען ביי דעם נאַציאָנאַל פאָנד. און מיט פרייד קען מען פאַרצייכענען, אַז דורך דעם יאָר פון דער שרעקליכער מלחמה, אין וועלכער דער ישוב געפינט זיך, איז די אַרבעט פון „גאולת הארץ" ניט אָפּגעשטעלט געוואָרען, און טויזענטער דונאַם לאַנד זיינען געקויפט געוואָרען; און דאָס איז נאָר מעגליך געוואָרען, ווייל די ציוניסטען פון אַלע שאַטירונגען האָבען געלערענט אָפּצושאַצען די וויכטיקייט פון דעם נאַציאָנאַל-פאָנד.

## ברוך הבא



ה. לייוויק

## דער דריטער סדר

די היינטיקס יאָריקע פייערונג פון דעם דריטען סדר איז פאַרזיכערט מיט אַ גייסטיגען ערפאָלג, ווייל די געסט היינטיקס יאָר וועלען זיין: דער באַוואוסטער אידישער דיכטער, ה. לייוויק, און די באַוואוסטע ציוניסטישע פירערין, מרס. אַרטשיבאַלד סילווערמאַן.

אַ מוזיקאַלישע פּראָגראַם, מיט דעם באַוואוסטען אַרטיסט און זינגער, מנחם רובין, ווערט צוגעגרייט. ס'איז קיין ספק ניט, אַז אַלע פריינד פון דעם אידישען אַרבעטענדען ארץ ישראל — די הסתדרות — וועלען אויסנוצען די געלעגענהייט און אַרויסווייזען זייער סאָלידאַריטעט און קומען צו דער פייערונג.

## דער בלומען-טאָג

דער היינטיקס-יאָריקער בלומען-טאָג וועט זיין זונטאג, דעם 3טען מאַי, און איך גלויב אַז ס'איז ניט נויטיק צו דערמאָנען, אַז ער דאַרף, עס מוז, און ער וועט זיין אַ דערפאָלג. אַבער כדי אַ בלומען-טאָג זאָל זיין דערפאָלגרייך הייננגט אָפּ פון דער צאָל וואָלונטירען. עס ווילט זיך גלויבען, אַז די צאָל יונגע מענטשען, וועלכע גלויבען אין ארץ ישראל בכלל, און אין דער אַרבעט פון דער הסתדרות, וועלען אויסנוצען די געלעגענהייט צו העלפען מאַכען דעם בלומען-טאָג פאַר אַ דערפאָלג.

— אַלטער בוימאַן



# דוד פינסקי

## דער כוח וואָס בויט

פון ב. סיגאל

דאָס פּאַסיגסטע וואָס איינער קאָן זאָגן אויף דוד פּינסקי איז צו געפינען אין דעם נאָמען פון איינער פון זיינע נייע דראַמען — „דער כוח וואָס בויט".

וואָרים אָט דער נאָמען כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן דוד פּינסקין.

צו זיבעציג איז דוד פּינסקי אַ בויער און אַ שאַפער אַלס דראַ־מאַטורג, דערציילער, קולטור טוער, און אַרבעטער־ציוניסט.

דוד פּינסקי — דער בן־שבעים — שרייבט נאָך קינדער־לידלעך, וואָס זיינען אַזוי שפּילעוודיג ווי דאָס אייניקל וואָס באַגייסטערט אים אָט די לידלעך צו שרייבן.

יעדער נומער „צוקונפט" ברייננט אַ נייע דערציילונג אָדער אַ שפּיל פון דוד פּינסקי.

יעדע קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע אַקציע אויף דער אי־דישער גאַס געפינט אין דוד פּינסקי אַ טעטיגן מיטהעלפער.

אין די קאַרגע פופציג יאָר פון זיין ליטעראַרישן שאַפן איז פּינסקי ניט געבליבן שטיין אויף איין אָרט. דאָס מיינט, ער האָט זיך ניט ספּעציאַליזירט אויף איין ווינקל און דאָס גענוצט פאַר זיין שעפערישן קוואַל. זיינע טעמעס זיינען אַזוי ברייט און פאַר־שידנאַרטיג ווי ברייט און פאַרשידנאַרטיג עס איז דאָס אידישע לעבן.

עס זיינען דאָ ביי אונז שרייבער וואָס זיינען אויפגעקומען אין דער זעלבער זייט וואָס פּינסקי, און זיי שרייבען נאָך היינט אויף די זעלבע טעמעס ווי ווען זיי האָבן אָנגעהויבן.

אַזוי געפינען זיך ביי אונז שרייבער וואָס שרייבן בלויז פון אַרבעטער לעבן, אָדער פון היימישן קליינעם שטעטל, אָדער חסיד׳־ישע מעשה׳ס, א. א. וו. אין די פינף־און־צוואַנציג בענדער פון פּינסקיס שריפטן, וואָס ווערן איצט געזאַמלט און אַרויסגעגעבן, וועלן לייענער געפינען די אַלטע היים, די נייע היים, דעם אידישן אַמאָל, דעם אידישן היינט, דעם אידישן אַרבעטער פון וואַרשע און דעם אידישן חלוץ פון עמק, דעם אידישן גביר פון פּוילן און דעם אידישן „אַל־רייטניק" פון ניו־יאָרק, דעם אידישן רעוואָ־לוציאָנער און דעם אידישן משיח טרוימער.

געוויס וועט דוד פּינסקי, צו זיין יובל־יאָר, אַריינקריגן אַן אַ שיעור שבחים און ברכות, ווי ער האָט זיך פאַרדינט.

אָבער די בעסטע ברכה צו זיין יובל וואָס מיר וואָלטן אים געשיקט איז:

„הלוואי זאָל זיינע שריפטן שטיין אין די ביכער־שאַפעס פון טויזנטער אידישע הייזער און זאָלן געלייענט ווערן פון צענד־ליגער טויזנטער אידן איבער דער גאַנצער וועלט."



# פסח

1942

פון נחום יוד

אָה, יום טוב פון פרייהייט, פון פרייד און דערלייזונג!
דו האָסט אונזער לעבען דורך דורות באַהעלט,
און שטענדיג געמוטיגט אין צייטען אין בייזע
צו לעבען און אַנגיין אין פיינדליכער וועלט.

אָה, יום טוב פון פרייהייט!... ווען אונזערע ברידער,
די טויזענטער קדושים אויף יענער זייט ים,
איצט ווערען פאַרפייניגט פון שונא פון ווילדען,
וואָס שענדט און פאַר׳מיאוס׳ט דעם מענשליכען שטאַם...

ווער נאָך קאָן אַזוינע יסורים פאַרטראַגען,
ווער קאָן אונזער אימה און ווייטאָג פאַרשטיין,
ווען מיר ווועלען שטאַלץ „שפוך חמתך" נאָך זאָגען,
און ס׳וועט זיך דאָס הארץ אין אַ יאָמער פאַרגיין...

דאָך קאָן אונז דער שונא פון אַלץ ניט באַרויבען,
ניט אַלץ קאָן באַזיגען אפילו דער טויט!
און אייביג פאַרבלייבט אונזער ליכטיגער גלויבען,
וואָס איז אונז פון טויזענטער יאָרען פאַרטרויט.

דער ליכטיגער גלויבען פון נביא ישעיה,
וואָס איז אונז דורך דורות אין בלוט שוין אַריין,
אַז קומען אַ צייט וועט אַ שיינע, אַ פרייע
און לויכטען די וועלט וועט אין אייביגען שיין.

גאָך גרויזאַם און שטאַרק איז דער שונא... דאָך ווייס איך,
אַז ס׳איז די ישועה שוין נאָהענט און גרייט!
און דורות נאָך אונז וועלען פייערען פסח,
דעם יום־טוב פון פרייהייט, דערלייזונג און פרייד.

# NATIONAL STORES

QUALITY—SERVICE

## Largest Co-operative Grocery Association of New England

די נײשאַנאַל דיסטרי. קאָאָפּערייטיוו קאָ., אין וועלכער עס זיינען אָנגעשלאָסען
מער ווי 150 אידישע ריטייל סטאָרס, אונטער דעם נאָמען „נעשאַנאַל די
סטאָרס", האָט זיך אָנגעשלאָסען אין דער גרעסטער קאָאָפּעראַטיווער געזעל־
שאַפט אין לאַנד, וואָס איז באַוואוסט אונטער דעם נאָמען N. R. O. G.
און וועלכע ציילט 20,000 סטאָרס איבער'ן לאַנד — און דאָס מאַכט נאָך מער
מעגליך פאַר די „נעשאַנאַל די סטאָרס" צו פאַרקויפען זייערע פּראָדוקטען —
די בעסטע קוואַליטיס — פאַר די ביליגסטע פּרייזען.
די פּראָווידענסער „נעשאַנאַל די סטאָרס" זיינען:

| S. LIGHTMAN | ROSEN | D. LERNER |
|---|---|---|
| 222 Willard Avenue | 746 Hope Street | 45 Douglas Avenue |
| Tel. DExter 9490 | Tel. GAspee 2617 | Tel. DExter 3081 |

ORDERS DELIVERED TO ALL PARTS OF THE CITY

# היברו נאַציאָנאַל וואורשט פאַבריק

כשר למהדרין מן המהדרין

וואורשטען, פראַנקפורטערס, קאָרנד ביעף, ראָלד ביעף, און פּאַסטראַמע
זיינען די געשמאַקסטע און נאַרהאַפטיגסטע.

• • •

155 EAST BROADWAY, NEW YORK
Phone ORchard [illegible]

*Passover Greetings!*

CHARLES FRADIN, Inc.

*Wholesale*

LIQUOR DISTRIBUTORS

389 CHARLES STREET PROVIDENCE, R. I.

Telephone GAspee [illegible]

# כרמל וויין און אלערליי שאמפיין

כשר לפסח

[illegible]

[illegible]

BERRY LIQUOR STORE

[illegible] GAY STREET
Corner Willard Avenue

Telephone No. [illegible] FREE DELIVERY

# פּראָווידענסער פּסח בלאַט

אַרויסגעגעבן אין די אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל

[illegible] | פּראָווידענס, ראָוד־אײַלענד | פּרייז — 10 סענט



[illegible]

## [illegible]

[illegible]

...ם אין דער העלט איז שטאַרק, נער
...אַלטן פאַרשקלאַפּט אַלע מענטשען,
[illegible]

[illegible] עהות אַ מכת
...ן [illegible] אַלטן פאַרשקלאַפּט
...ער [illegible] קראַוש די גריר
...אַלישער [illegible] פאַרצונצען
...פאַרמאַטערטע אונטער אַלע אומ
[illegible] — ביז די אידישע יונגע [illegible]
[illegible]

— [illegible]